**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/18/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול, אטורני ג'ענעראל דזשעימס, און דער אפיס פון קאנאביס מענעדזשמענט האט צוגעמאכט אן אום-לייסענסד קאנאביס געשעפט אין ברוקלין**

***ביג טשיעף סמאוק שאפ אין בעי רידזש האט פארקויפט אומרעגולירטע קאנאביס פראדוקטן און איגנארירט איבער און איבער באפעלן צו אויפהערן ארבעטן אן א לייסענס***

***גאווערנער האקול, AG דזשעימס און OCM האבן צוגעמאכט ניין אום-לייסענסד קאנאביס געשעפטן היינטיגס יאר***

***די גאווערנער האט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע געבנדיג דעם אפיס פון קאנאביס מענעדזשמענט און דער אטורני ג'ענעראל פרישע מאכט צו דורכפירן אקטן קעגן אום-לייסענסד קאנאביס דיספענסאריס אין מאי 2023 אלס טייל פון פיסקאלע יאר 2024 געזעצטער בודזשעט***

גאווערנער קעטי האקול, ניו יארק אטורני ג'ענעראל לאטיטיע דזשעימס, און דער אפיס פון קאנאביס מענעדזשמענט (Office of Cannabis Management, OCM) האט היינט צוגעמאכט א קאנאביס געשעפט אין בעי רידזש, ברוקלין, ביג טשיעף סמאוק שאפ, פארן ארבעטן אן א לייסענס. ביג טשיעף האט פארקויפט קאנאביס אן א לייסענס און איגנארירט איבער און איבער באפעלן דורך OCM און אנדערע געזעץ איינפירונג אויטאריטעטן צו אפשטעלן די ארבעט. נאכפארשערס פון OCM און די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו טעקסעישאן און פינאנץ ( Department of Taxation and Finance, DTF) האבן איבערגעקוקן דעם געשעפט אין צוויי אנגעלעגנהייטן און האבן קאנפיסקירט מער ווי 600 פאונדס פון קאנאביס און קאנאביס פראדוקטן וועלכע זענען נישט איספרובירט געווארן דורך OCM. אין צוגאב צום צומאכן דעם געשעפט, זוכן אטורני ג'ענעראל דזשעימס און OCM געלט שטראף פון דעם געשעפט אייגנטומער און דער אייגנטומער פון דעם געביידע וואו דער געשעפט געפינט זיך פארן ערלויבן אן אומגעזעצליכע ביזנעס צו ארבעטן אויף זייער באדן. דער געשעפט אייגנטומער קען באקומען א קנס פון מיליאנען דאלארן אלס רעזולטאט פון דעם היינטיגן אקט. דאס איז דער ניינטער אום-לייסענסד קאנאביס געשעפט צוגעמאכט דורך גאווערנער האקול, אטורני ג'ענעראל דזשעימס און OCM.

"מיר האבן קיין שום טאלעראנץ פאר אומגעזעצליכע ריטעיל וועלכער ברעכט דאס געזעץ און טוט אונטערגראבן אונזער לאנדס קאנאביס אינדוסטרי פארן באנוץ פון דערוואקסענע," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער פלאץ האט מוטוויליג פארלעצט ניו יארק'ס קאנאביס געזעצן און איך בין שטאלץ צו מיטארבעטן מיט די אטורני ג'ענעראל צו דאס צומאכן. מיט ברוקלין'ס ערשטע לעגאלע קאנאביס ריטעילערס עפענונג דעם מאנאט און אומלעגאלע געשעפטן וואס זענען פאר צו ווערן צוגעמאכט, גייען מיר אריבער צום בויען א שטארקערער, זיכערער קאנאביס אינדוסטרי."

**אטורני ג'ענעראל לעטיטיע דזשעימס האט געזאגט,** "אום-לייסענסד קאנאביס געשעפן וואס פארקויפן אומרעגולירטע פראדוקטן שטעלן א געזונט געפאר צו ניו יארקער און שעדיגן די ביזנעסעס וועלכע פאלגן

די געזעצן. ניו יארקער וועלכע קויפן און נוצן קאנאביס זאלן זיך נישט זארגן איבער די קוואליטעט און די זיכערהייט פון די פראדוקטן זיי קויפן, דאס איז די סיבה אלע געשעפטן מוזן האבן לייסענס און זיין רעגולירט. קאנאביס ביזנעסעס, גלייך מיט יעדער אנדער אינדוסטריע אין ניו יארק, מוזן פאלגן די כללים און רעגולאציעס צו ארבעטן זיכערערהייט און צאלן זייערע געהעריגע צוגעטיילטע טעקסעס. פאבליק העלט און זיכערהייט זענען א הויפטזאך און גאווערנער האקול און איך וועלן פארזעצן נאכגיין די וועלכע פרובירן צו באשעדיגן אונזערע געמיינדעס."

**קריס אלעקסאנדער, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון ניו יארק סטעיט'ס אפיס פון קאנאביס מענעדזשמענט, האט געזאגט** "איינפירונג טימס פון OCM און DTF האבן פלייסיג געארבעט צו צומאכן אומגעזעצליכע קאנאביס ביזנעסעס אין יעדן ווינקל פון די סטעיט. זיי האבן יעצט דורכגעפירט הונדערטער רעגולאטארי אינספעקציעס וועלכע האבן רעזולטירט אין כאפן באדייטנדע קוואנטומס פון אומגעזעצליכע קאנאביס. א דאנק צו די אקט פון די גאווערנער, דער אטורני ג'ענעראל און דער לעגיסלאטאר האבן געטוהן, איז אונז מעגליך צו צומאכן אויף שטענדיג ניו יארק'ס מערסט מוטוויליגע אומגעזעצליכע געשעפטן. מיר האבן נאך פיל ארבעט צו טוהן אבער מיר וועלן פארזעצן צו אפהיטן דאס וואס מיר בויען און זען צו פארזיכערן אז די געלט וואס זענען באשטימט געווארן צו בויען געמיינדעס פילן נישט אן די טאשן פון אט די וואס פארקויפן אומ-אויסגעפרובטע אומזיכערע פראדוקטן וועלכע שטעלן אין געפאר דאס געזונט פונעם פאבליק פון ניו יארק'ס קאנאביס קאסטומערס."

ניו יארק'ס קאנאביס געזעץ פאדערט יעדע מענטש וואס וואקסט, פראצעסירט אדער פארקויפט סיי וועלכע קאנאביס פראדוקט צו זיין רעגיסטרירט און לייסענסירט דורך די ניו יארק סטעיט קאנאביס קאנטראל באורד (Cannabis Control Board, "קאנאביס באורד"). קאנאביס פראדוקטן וועלכע ווערן פארקויפט דורך אומלייסענסד ביזנעסעס זענען נישט לאבאראטאריש אויספרובירט דורך OCM-לייסענסד פאסיליטיס, קענען זיין געפארפול, טעקס אומבאצאלט, און אין א נישט טשיילד-רעזיסטענט פארפאקונג. דער געזעץ אויטאריזירט דעם אפיס פון דעם אטורני ג'ענעראל (Office of the Attorney General, OAG), נאך א פארלאנג פון OCM, צו אנקלאגן סיי וועלכער מענטש וועלכער פארלעצט דעם קאנאביס געזעץ.

ביג טשיעף סמאוק שאפ האט שוין געהאט פארקויפט קאנאביס אן א לייסענס כאטש זייט נאוועמבער 2022. אין אוגוסט 2023, האבן OCM און DTF נאכפארשערס אינספעקטירט דעם געשעפט און געפינען אז דער געשעפט פארקויפט קאנאביס בלימען, קאנצענטראטן, וועיפס, עסנווארג, און פרי-ראלס אן א לייסענס צו פארקויפן קאנאביס ארויסגעגעבן דורך די OCM. די נאכפארשער האבן קאנפיסקירט אומגעפער 161 פאונדס פון קאנאביס בלימען, 137 פאונדס פון קאנאביס-אינפיוזד פראדוקט, 108 פאונדס פון קאנצענטרירטע קאנאביס, און 60 פאונדס פון קאנאביס פרי-ראלס. OCM האט ארויסגעגעבן א מעלדונג פון פארלעצונג און באפעל אפצושטעלן אומ-לייסענסד אקטיוויטעט צו דעם געשעפט אייגנטומער פארן ארבעטן אן א לייסענס און געשטעלט דעם מעלדונג פון פארלעצונג און באפעל אפצושטעלן אומ-לייסענסד אקטיוויטעטן צוזאמען מיט ווארנונגען וועלכע אינפארמירן דעם פאבליק אויף די געפארן פון אומגעזעצליכע קאנאביס אויף די פאדערשטע פענסטערס פון דעם געשעפט. אין א פאלאו-אפ אינספעקציע אין אקטאבער, האבן OCM נאכפארשער געזען אז די דאקומענטן וואס OCM האבן געשטעלט אויף די פאדערשטע פענסטערס פון דעם געשעפט זענען צוגעדעקט געווארן און אז דער געשעפט האט ווייטער פארקויפט קאנאביס. ביי דעם אקטאבער אינספעקציע, האבן נאכפארשער געכאפט מער ווי 200 פאונדס פון אומגעזעצליכע קאנאביס און ארויסגעגעבן נאך א מעלדונג פון פארלעצונג און באפעל אפצושטעלן די אום-לייסענסד ארבעט.דער סך-הכל קאמבינירטע ווערד פון די געכאפטע סחורה איז מער ווי $7.6 מיליאן.

לאקאלע געמיינדע פירערס האבן זיך אויסגעדריקט קעגן די ביג טשיעף סמאוק שאפ און די לאקאלע געמיינדע באורד האט אריבערגעפירט א געמיינזאמע באשלוס צו צומאכן אום-לייסענסד געשעפטן אין זייער געגנט.

**סענאטאר אדרעי גונארדס האט געזאגט,** "ביג טשיעף האט נישט בלויז אפגעשפעט פון ניו יארק'ס קאנאביס געזעצן, נאר זענען אויך געווען שטענדיג אומגעוואונטשענע שכנים. עס איז מיר לייכטער געווארן אז ענדע שטייען זיי פאר הארבע סטעיט אקטן און וועלן טראגן פאראנטווארטליכקייט. ווען דער סטעיט לעגיסלאטאר האט אריבערגעפירט געזעצן צו שטארקן דאס איינפירונג, האבן מיר דערמיט טאקע דאס געמיינט. איך וויל באדאנקען אטורני ג'ענעראל דזשעימס און גאווערנער האקול פארן ענדליך ברענגען דעם פעטיציע צו צומאכן ביג טשיעף און פאר די אנטשלאסנקייט צו פארזיכערן אז אונזער לעגאלע, לייסענסד געשעפטן זענען די איינציגע מיט פראדוקטן אויפן מארקעט."

**ניו יארק סיטי קאונסעל מעמבער יוסטין ברענען האט געזאגט,** "בשעת איך פלעג שטענדיג שטיצן די לעגאליזאציע און רעגולאציע פון מאריחואנא, איז די יונגע לעגאלע אינדוסטרי אין ניו יארק אונטערגעגראבן געווארן דורך אומלעגאלע געשעפטן וועלכע האבן זיך געעפנט אומעטום און זיך פארגעשטעלט אלס לעגיטימישע דיספענסאריס. די אומלעגאלע פאט געשעפטן האבן גערויבט טעקס איינקונפט פון די סטעיט, און בארויבט ביזנעסעס פון קליינע, לעגאלע דיספענסארי אייגנטומער וועלכע פאלגן דעם געזעץ און האנדלען ארענטליך. אויב עס קומערט אונז א שטארקע זיכערע געזעצליכע מאריחואנא אינדוסטרי אין ניו יארק, דאן מוזן מיר אפהאלטן די וואס האנדלען נישט געזעצליך. טראץ פילצאליגע אנפאלן און צייטווייליגע פארשליסונגען, האט ביג טשיעף פרעך פארלעצט סיי דעם געזעץ און א סקאנדאלישע צאל פון קלאגעס פון געגנטער קעגן זייער אומלעגאלע געשעפט. לטובת אונזער געמיינדע, און די ניו יארק לעגאלע מאריחואנא אינדוסטרי אלס איינס, באשטימען מיר היינט ביג טשיעף אלס פאראנטווארטליך. איך וויל באדאנקען די אטורני ג'ענעראל, די גאווערנער, און זייערע טימס פארן ארבעטן צוזאמען מיט אונז צו דאס אויספירן איינמאל פאר אלעמאל - א גרויסער זיג פאר די געמיינדע."

לויטן פארלאנג פון OCM, האט די אטורני ג'ענעראל דזשעימס אריינגעגעבן א פעטיציע פאר באלדיגע רעליעף אונטער אפטיילונג a-16 פון די קאנאביס געזעץ זוכנדיג צו זאפארט צומאכן ביג טשיעף סמאוק שאפ און אפהאלטן דעם אייגנטומער פון פארטיילן, ליפערן, אויסטיילן, און פארקויפן קאנאביס פראדוקטן אין ניו יארק. דערצו, זוכט די פעטיציע צו פאדערן פון דעם געשעפט אייגנטומער צו צאלן קנס פארן פארלעצן ניו יארק'ס קאנאביס געזעץ. די קאנאביס געזעץ שטעלט אוועק א געלט שטראף פון ביז $10,000 פאר יעדע טאג אין וועלכע איינער פארקויפט קאנאביס אן א לייסענס, און א געלט שטראף פון ביז $20,000 פאר יעדע טאג איינער טוט ווייטער פארקויפן קאנאביס נאכן דערהאלטן א באפעל אפצושטעלן פון פונקציאנערן פון דעם OCM.

דערצו, זוכט די פעטיציע ציווילע געלט באשטראפונג פון דעם געביידע אייגנטומער וואו עס געפינט זיך די ביג טשיעף סמאוק שאפ פארן ערלויבן אן אומגעזעצליכע ביזנעס ארבעטן אין זייער באדן. דער אייגנטומער פון דעם געביידע איז פאר דעם געמאלדן געווארן אז אן אומגעזעצלעכער ביזנעס טוט ארבעטןאויף זייער באדן און דאך האט ביג טשיעף סמאוק שאפ פארגעזעצט צו זיין אפן פאר מער ווי א יאר. אונטער די קאנאביס געזעץ, קענען געביידע אייגנטומער באקומען א געלט שטראף פון $10,000 פער טאג פארן ערלויבן די אומלייסענסד פארקויפונג פון קאנאביס אנגיין אויף זייער באדן.

ענליכע פעטיציעס וועלכע זענען אריינגעגעבן געווארן דורך OCM און אטורני ג'ענעראל דזשעימס האבן געפירט צו געריכט באשטעטיגונגען צו פארשליסן די אומלייסענסד קאנאביס געשעפטן וועלכע זענען געצילט דורך די אקטן. אום נאוועמבער 29, איז געקומען א באפעל וואס אויטאריזירט OCM צו <u>זאפארט פארשליסן אן אומלייסענסד קאנאביס געשעפט אין אנטאריו קאונטי</u>, וועלכע איז דורכגעפירט געווארן צוויי טעג שפעטער. פריער, אין יולי, האט א סופרים קאורט אונטערגעשריבן א פארשליסונג באפעל צו

זאפארט צומאכן זיבן אום-לייסענסד קאנאביס דיספענסאריס אין קאיוגא, אוסוועגא, און וואינע קאונטיס, וועלכע האבן ענדליך געפירט צו צומאכן אויף שטענדיג די געשעפטן אום נאוועמבער 21 און פעסטגעשטעלט א וויכטיגע פרעצעדענט וועלכע שטיצט די סטעיט'ס אויטאריטעט צו זוכן לאנגע טערמין פארשליסונגען פון ביזנעסעס וואס ווערן געפינען אז זיי פארקויפן קאנאביס אן א לייסענס. אן אפשאצונג פון אלע געלט שטראפונגען אין יענעם קעיס וועט ווערן פארענדיגט אין די קומענדע וואכן.

נאכפארשער פון OCM און DTF זעצן פאר דורכצופירן אינספעקציעס איבערן סטעיט יעדע וואך. ביז אהער, זענען מער ווי 350 אינספעקציעס פארשריבן געווארן, און האבן געברענגט איבער 11,000 פאונדס פון אומלעגאלע קאנאביס ווערד מער ווי $54 מיליאן. דער אפיס פון קאנאביס מענעדזשמענט געבט ארויס אן אפדעיט אויף די אקציעס ווי אויך אנדערע רי-ענפארסמענט פארבינדענע נייעס די ערשטע מאנטאג פון יעדע חודש [די לעצטע איז דא](#).

צום לעצט, ברוקלין'ס ערשטע לייסענסד פאר-דערוואקסענע-באנוץ דיספענסארי איז באשטימט צו עפענען מארגן, דינסטאג 19 דעצעמבער אויף 2370 Coney Island Avenue. ברוקלין איז איינס פון פינף איינגעשלאסענע ראיאנען וואו א געזעצליכע באפעל האט אויסגעמיטן דעם עפענען פון סיי וועלכע פאר-דערוואקסענע-באנוץ קאנאביס געשעפטן אין א געזעצליכע אנקלאגע וועלכע איז געשליכטעט געווארן פריער דעם יאר.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov

ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן